אהו גליק

אן אריגינעלער שפאנענדער ראמאן פון אידישען לעבען אין ענגלאנד און אמעריקא.

ספעציעל געשריבען פאר'ן ,,אידישען זשורנאל".

פון בר צבי.

נאכדרוק פערבאטען.

(14־טע פארטזעצונג.)

ליזא האט גלייך פערשטאנען וואס ער מיינט. זי האט געוואוסט אז זי האט ניט קיין יחוס, קיין בילדונג, קיין געלד, הייסט עס אלזא, אז ער מיינט איהר שעהנקייט.

,,זאל איך עס אננעהמען אלס א קאמפלימענט?" האט זי איהם געפרעגט רויט ווערענדיג.

,,דאס איז ניט קיין קאמפלימענט, איך מיין וואס איך זאג", האט הערמאן איהר געענטפערט גאנץ ערענסט.

,,צוליעב וואס זאגט איהר עס מיר?" האט ליזא ווידער געפרעגט. א מיידעל ווען זי איז ארעם איז פאר איהר פיעל גליקליכער, ווען זי איז א העסליכקייט, ווייל דאמאלס האט זי גאר נישט און זי האפט אויף גארנישט. נו וואס קומט מיר ארויס אז איך בין אפשר ניט קיין מיאוסע? איך קען אמאל בעקומען א קאמפלימענט און דאס אלעס, אבער איך זאג אייך אפען, אז איך גלייך ניט קיין קאמפלימענטען, ביי מיר קומט עס אויס, אז מען לאכט פון מיר, ווען מען זאגט מיר אז איך האב מעלות".

,,א קאמפלימענט איז אבער מאנכעס מאל בלויז א פארערע צו אן אנדער געשפרעך". האט איהר הערמאן בעמערקט.

,,אין אייער פאל, דענק איך, אז צו דעם אנדער געשפרעך וועט עס ניט קומען" האט ליזא געזאגט לאכענד, איהר מאכט מיר א קאמפלימענט, בלויז צו פערשאפען מיר אביסעל פערגעניגען. מאנכע מיידלאך ליעבען טאקי צו הערען א קאמפלימענט. איך דאגעגען מאך דערפון א גאנץ קליינעם צימעס, אפילו דאן, ווען דאס איז א פארערע צו עטוואס אנדערש".

הערמאן האט זיך פאר א ווייל פערטראכט. ליזא האט איהם דא צוגעקוועטשט צו'ם יאגד, ער האט זיך גאר ניט גערעכט, אז דיעזע קליינע צארטע מיידעלע זאל האבען אזא קונציגען צינגעלע. זי איז א רעגעלע דיפלאמאטקע.

ער האט זיך עפעס געפיהלט ווי זי זאל איהם ארונטערהאקען די פליגלען, ער, דער גרויסער העלד, זאל גאר אריין אין אזא לאגע וואו ער קען זיך ניט אויסדרעהען, ער מוז עפעס זאגען, ער מוז רעכטפערטיגען זיין האנדלונג, זי האט געגעבען צו פערשטעהן גאנץ אפען, אז ער דארף איהר ניט מאכען קיין קאמפלימענטען, ווי איינער זאגט: ,,רייד ביזנעס אויב דו ווייסט. וואס דרעהסטו מיר א ספאריק!"

עפעס איז איהם ניט אנגעשטאנען צו פערבלייבען אין איהרע אויגען א פייגלינג און ער האט בעשלאסען צו אננעהמען זיין געוועהנליכע טאקטיק, דאס הייסט ווערען דרייסט און אפען.

,,איהר האט רעכט, ליזא, האט ער צו איהר ענדליך געזאגט, א יונגערמאן דארף ניט מאכען א מיידעל קיין קאמפלימענטען, אבער אין מיין פאל האב איך גראדע דאס רעכט דערצו, מיין קאמפלימענט [illegible] טאקי געווען א פארערע און [illegible] הער וועלט אריין, דער [illegible] האט געזאלט נאכפאלגען [illegible] אזוי ווי מיר האלטען שוין [illegible] געשפרעך וועל איך אייך [illegible] אפען. דער אמת איז, און [illegible] איך שוין געזאגט, אז איך [illegible] צו ענטזאגען אייך פון דער [illegible] מיר, די אורזאכע איז גאנץ [illegible] איהר האט מיר געזאגט, אז [illegible] א חתן און דעריבער טאקי האב [illegible] געוואלט ענטזאגען, ווייל איך [illegible] בתחלה געדענקט צו ריידען אייך אן [illegible] ער חתן, אבער ווי באלד איהר האט [illegible] זיין אייגעם, איז דאך ארויסגעוואקסען מיינע רייד".

ליזא האט איהם אנגעקוקט מיט ווייט־אפענע אויגען.

,,איך דארף אייך ניט זאגען, ווער דער חתן איז, האט ער פארטגעזעצט זיין געשפרעך, דאס בין איך טאקי אליין, איך וואלט אייך וועלען מאכען א פארשלאג צו ווערען מיין כלה, ווען איהר זאגט מיר ניט היינט, אז איהר ליעבט ניט אייער חתן, וואלט איך אפילו א ווארט ניט דערמאהנט וועגען דעם. יעצט אבער, נעהם איך מיר די פרייהייט און איך פרעג אייך, ווילט איהר ווערען מיין כלה?"

ליזא איז ניט ווייניג איבערראשט געווארען און נאך מעהר דערפרעהט געווארען. אבער זי האט גראדע אין דיעזען מאמענט זיך פערלארען און ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען.

נאך איידער זי האט ציים געהאט ארומקוקען זיך, איז שוין הערמאן געשטאנען גאנץ נאהענט צו איהר און ער האט איהרע ביידע הענט געהאלטען אין זיינע.

זי האט זיך ניט געוועהרט און געקוקט אויף איהם מיט א ליעבען שמייכעל.

הערמאן האט זיך לאנג ניט געלאזט בעטען און אבגעפרעסט א הייסען קוש אויף איהרע ליפען.

אויף דערפון האט זיך ליזא ניט געוועהרט.

ער האט דאן ארויסגעלאזען איהרע הענט, זיך אוועקגעזעצט אויף א דערביישטעהענדען טשער און ארייננעקוקט טיעף אין איהרע אויגען.

,,נו וואס זאגט איהר, ליזא?" האט ער זי געפרעגט.

,,איך האב שוין ניט וואס צו זאגען, האט זי געענטפערט מיט א ציטערדיגער שטמע, איהר האט דאך גאר ניט געווארט אויף מיין ענטפער".

,,איז עס אבגעמאכט?" האט ער ווידער געפרעגט.

,,וואס ווילט איהר פון מיר, האט זיך ליזא געבעטען, איך בין נאך א יונגע מיידעל, איך ווייס ניט וואס איך האב צו זאגען אין אזא פאל, איך ווייס אבער וואס צו פרעגען אין אזא פאל".

,,פרעגט, ליעבע ליזא".

,,איך וויל וויסען אויב איהר ליעבט מיך טאקי. און אויב יא, דאן וואלט איך אויך וועלען וויסען, ווארום איהר האט זיך אין מיר איינגעליעבט, בין איך דען ווירקליך א שעהנע? און אויב איך בין א שעהנע, איז עס דען גענוג פאר אייך צו וועלען מיך הייראטהען? איז ביי אייך שעהנקייט טהייערער ווי אלעס?"

,,דאס זענען אלץ שטארקע פראגען, האט הערמאן געזאגט, אבער ניט איהר דארפט עס פרעגען און ניט איך דארף עס ענטפערען, דאס בעלאנגט צו א פראפעסאר פסיכאלאג, אזא מין פראפעסאר, וואלט מסתמא געוואוסט פארוואס, פאר ווען, ווארום און ער וואלט עס אייך קענען ערקלעהרען ריכטיג, איך אליין בין אבער ניט קיין פראפעסאר איך ווייס אבער, אז מיך ציהט צו אייך און אויב איך האב קיין טעות ניט, איז מיט אייך פונקט דאס זעלבע, איך גלויב, אז איהר האט מיך אויך ניט פיינד, איז עס אן אמת? זאגט ליזא, שעהמט זיך ניט!"

,,איך קען דאס ניט לייקענען, מר. הערמאן". האט ליזא געענטפערט.

,,טא ווארום זאגט איהר מיר ניט אייער לעצטען יא־ווארט? האט הערמאן געפרעגט.

,,שווייגען הייסט אויך געזאגט", האט ליזא פערשעהמט געענטפערט.

דאן וויל איך דיך רופען ,,ליזא", און דו זאלסט מיך רופען ,,דזשאזעף".

,,זאל זיין אזוי".

,,רוף־זשע מיך אן ביים נאמען, איך וויל הערען מיין נאמען פון דיינע ליפען".

,,אלרייט, דזשאזעף!" האט ליזא געלאכט און באלד האט זי צוגעלעגט אויסשרייענד: ,,דזשאזעף! דזשאזעף! דזשאזעף!"

ער האט זי דאן אומארעמט און זיי האבען זיך ביידע ווידער צוקישט.

,,פיהלסטו זיך ,,גליקלאך"?" האט דזשאזעף געפרעגט.

,,ניט אין גאנצען". האט ליזא געענטפערט.

,,ווארום?"

,,איך וועל נאך מוזען צוערשט קריגען די צושטימונג פון מיינע עלטערען, האט ליזא געענטפערט און דאן וועל איך מוזען בערוהיגען מיין קרוב, איך מיין מאזעסען, ווען אלעס וועט זיין פאראייבער, וועל איך זיך דאן פיהלען פאלשטענדיג צופרידען".

,,זאל איך עס אליין ערקלעהרען דיינע עלטערען?" האט דזשאזעף געפרעגט. פאר דיין טאטען דארף איך מיך ניט צערעמאניען לאנג, איך קען איהם גאנץ גוט און ער קען מיך, איך וועל איהם זאגען איינפאך, מר. קרעמער, איך בין פערליעבט אין אייער טאכטער און איך וויל איהר געבען א רעזו, איך וויל זי דערהויבען פון א סיילס־לידי צו א דזשענעראל מענעדזשער".

ליזא האט זיך צולאכט.

,,דאס איז א שעהנער וויץ, אבער טהו דאס ניט, איך וועל צוערשט אליין ריידען מיט מיינע עלטערען און ווען איך וועל זיין פערטיג, וועל איך עס דיר זאגען, דאן וועסטו צו אונז ארויפקומען אין הויז און דו וועסט עס מאכען ווי דו פערשטעהסט.

(פארטזעצונג פאלגט.)

א קצור פון די נארטה וועסט לאנד געזעצע.

יעדער עלטערער פון דער פאמיליע, אדער עני מאן איבער 18 יאהר אלט, וועלכער קענען בעקומען א פערטעל אבטהיילונג פון דאמיניאן לאנד אין מאניטאבא, סאסקאטשעוואן, אדער אלבערטא. דער פארשלאג דארף געמאכט ווערען אין די דאמיניאן לענד אייזשענסי אדער סאב אייזשענסי פון דיסטריקט. אן אפליקיישאן קען [illegible] געמאכט ווערען אין אפיס פון לאקאל אייזשענסי פון דאמיניאן לאנד (ניט סאב אגענט) אויף געוויסע קאנדיציאנען.

פליכטען — 6 מאנאטען אויף בעארבייטען די לאנד אין יעדע דריי יאהר. א הויז באזיצער קען וואהנען 9 מייל ווייט פון זיין פלאץ אויף א פארם, פון ניט ווייניגער ווי 80 עקער לאנד אויף געוויסע קאנדיציאנען. א הויז איז נויטווענדיג [illegible] וואו דער וואהנונג איז אויף זעלבען פלאץ.

אין געוויסע דיסטריקטען א האמסטעדער [illegible] קען קריגען א פערטעל [illegible] ארום זיין פלאץ פיר דעם פרייז פון 3 דאלאר א עקער.

פליכטען — 6 מאנאטען וואהנען אויף'ן פלאץ [illegible] יאהר [illegible] 50 עקער עקסטרא פיר בעארבייטען. [illegible]

א פארמער וועלכער האט [illegible] אין וועלכען דיסטריקט [illegible] דאלאר אן עקער.

פליכטען — [illegible] 6 מאנאטען [illegible] יאהר בעארבייטען 50 עקער און אויפבילדען א הויז אין ווערטה פון $300.

וו. וו. קארי.

דעפיוטי מיניסטער אף אינטעריאר.

נ. ב. ניט אויטאריזירטע פובליקאציעס פון יעם אדווערטייזמענט וועלען ניט בעצאהלט ווערען.

באזונדער פאר'חתמ'עטע טענדערס אדרעסירט צום אונטערצייכענטען וועלען ערהאלטען ווערען אין דיעזען אפיס ביז 4 אוהר נאכמיטאג מאנטאג, מארטש דעם ערשטען, 1915 פאר דעם סאפפליי פון: ,,ברומס און בראשעס", ,,טשיען", ,,האררדוויר", ,,האגז", ,,אילס און גריז עס", ,,פעקינג", ,,פיינט, פיינט אוילס, א. ז. וו. ,,מאנילא ראופ", ,,וויר ראופ" און ,,סטיעם פייפ, וואלווס און פיטטינגס" פאר דעם דעפארטמענטאל דרעדזשינג פלעגט אין אנטאריא און קוויבעק.

יעדער טענדער מוז געשיקט ווערען אין א בעזונדערען ענוועלאפ און ענדאהסד ,,טענדער פאר האררדוויר, אנטאריא און קוויבעק", ,,טענדער פאר טשעין, אנטאריא און קוויבעק", א. ז. וו. ווי דער פאלל איז.

טענדערס וועלען ניט גענומען ווערען אין אנבעטראכט סיידען זיי זענען געמאכט געווארען אויף די פארמס פארזארגט ביי דעם דעפארטמענט און אין אנקלאנג מיט די קאנדיציאנען וואס זיי ענטהאלטען.

קאמבינירט, א ספעסיפיקיישאן צוזאמען מיט א פארם פון טענדער קאן מען קריגען אין דיעזען דעפארטמענט.

מיט יעדען טענדער מוז זיך געפינען אן אקצעפטירטער טשעק אויף א טשארטערד באנק, צאהלבאר צום ארדער פון דעם האנארייבל דעם מיניסטער פון פאבליק ווארקס אויף א סומע וועלכע ווערט דערמאהנט אין טענדער.

ביי ארדער,

ר. סי דעסראשערס סעקרעטער

דעפארטמענט אף פאבליק ווארקס, אטאווא, פעברואר, דעם 1־טען, 1915.

71917 —

דאנקזאגונג

דער אפטער אונטערשטיצונגס פעראיין דאנקט אלע פאטראנייזער ווי אויך דעם מענעדזשמענט פון ליריק טהעאטער אין נאמען פון די פעראימטע מלחמה קרבנות פון אפט, פאר העלפען אין דער אבענד ארבייט צו מאכען א סוקסעס דעם 26־טען יאנואר ווען עס האט געשפיעלט א בענעפיט פאר די מלחמה קרבנות.

עס איז געמאכט געווארען ריינער פראפיט $153.38 און דאס געלד וועט ביי דע ערשטער געלעגענהייט אבגעשיקט ווערען קיין אפט.

בנימין אלטמאן, העררי סאבעל, פרעס קאמיטע.

נוצט קאנעל'ס קאהלען.
זיי קומען פון אונזערע אייגענע מינעס אין פענסילוועניא
עגג, סטאוו און נאט $7,50 פער טאן פיע קוהלען $6,25
The Connell Anthracite Mining Co. Limited
Head Office: Corner Queen and Spadina
Phones Adel. 2068, 2069 and 3297

האט איהר וואס צו פערקויפען?

אויב איהר ווילט עטוואס קויפען אדער פערקויפען —
אדווערטייזט אין זשורנאל
אויב איהר ווילט וואס פערדינגען אדער רענטען —
אדווערטייזט אין זשורנאל
אויב איהר זוכט ארבייטער אדער ארבייט —
אדווערטייזט אין זשורנאל
עס קאסט אייך בלויז א קלייניגקייט און טויזענדער מענשען ווייסען אייער פערלאנג

):(

פרייזען פיר קלאסיפיצירטע אדווערטייזמענטס

1 סענט
א ווארט פיר איין טאג

0

2 סענט
א ווארט פיר דריי טעג

4 סענט
א ווארט פיר זעקס טעג

קיין אדווערטייזמענט וועט ניט אנגענומען ווערען אונטער 10 סענט

Real Estate
ריעל עסטייט

צו פערדינגען א הויז פון 4 רומס אין טעראלי סטריט. 10 דאלאר א מאנאט רענט. פרעגען לאיעווסקי 10 ד'ארסי סט.
2—9

א הויז צו פערקויפען אין 66 גרענדזש עוועניו 8 רומס מיט אלע מאדערנע קאנוויניענס. 20 פוס פראנטיידזש. $4500. טויזענד דאלאר איינצאהלען קעש. פרעגען מר. האגערטי 210 בעווערלי סט.

צו פערדינגען א הויז אין כאסאו סט. 8 רומס אלע קאנוויניענס, הארד פלאאס, עלעקטריק און גאז קען געזוט ווערען פיר 3 בעזונדערע טענענטס. ביליג רענט. נאכפרעגען קאלעדזש 6820.
1490—2—16

צו פערדינגען א סאליד בריק הויז פון 8 רומס אין 152 גרענדזש עוועניו, אלע נייעסטע קאנוויניענס. רענט $25 א מאנאט. נאכפרעגען אין 32 בעלוויו עוו. פאן קאלעדזש 6463
1480—2—9

צו פארדינגען א הויז פון 2 פלעטס 6 רומס, גוט פאר צוויי פאמיליעס אויך א סטייבעל $16.00 א מאנאט. פרעגען 203 קווין סטריט וועסט.
.1452—2—8)

Situations Vacant

די אידישע דיי נוירסערי פערלאנגט א קעכין, מוז האבען גוטע רעפערענס. נאכצופרעגען 235 בעווערלי סטריט, מרס. יאנישעווסקי.
.1462—2—7)

עס ווערט פערלאנגט א פרוי אדער א מיידעל פאר הויז ארבייט. נאכצופרעגען אין 418 קווין סטריט איסט.
1494—2—10

פערלאנגט א מיידעל אדער א פרוי פאר הויז־ארבייט.
נאכפרעגען אין 19 וואלטאן סטריט.
1491—2—11

פייפערינג, פיינטינג און פלאסטערינג.

0

איך פייפער פאר $2.50 א רום מיט די נייעסטע פייפער.
ל. לעפקאוויטש, 165 טשעסטנאט סט.
1477—2—10)

עקספּרעסען און שווערע וועגענס, ווי אויך פוירסט קלאס קעררידזשעס פיר חתונות צו רענטען. פרייזעס פון $1 ביז $1.75 יעדער ספעשעל פרייזעס פיר לויות. האלגרייווס ליווערי 11 גרענדזש עוו. פאן קאלעדזש 4953.

פערד און וועגען צו פערדינגען פער טאג אדער וואך.
1489—2—15

יעצט איז די צייט.
צו לערנען ענגליש, בוקקיפינג, שארטהענד, טייפרייטינג און אנדערע קאמערציעלע געגענשטענדע. ספעציעלע ראטען צו לעזער פון אידישען זשורנאל וואס וועלען אנפאנגען אין יאנואר.
ווענדעט זיך פאר איינצעלהייטען ווי וואטסאנס ביזנעס סקוהל 442 יאנג סטריט
ס. מ. וואטסאן פרינס
[illegible]

PROFESSIONAL

דר. ד. ה. ביטאן
דענטיסט
בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען
קיינע שמערצען
טעלעפאן קאלעדזש 881.
344½ באטהורסט סטריט
קארנער ארטהור סטריט
D. H. BEATON, Dentist
344½ Bathurst Street, Cor. Arthur

דר. מ. פיווניק
.:. דענטיסט .:.
קאר. קווין סט און ספאדיינא עוו.
טעלעפאן אדעלייד 4067
באנק אף האמילטאן בילדינג
Dr M PIVNICK, B. A. Sc.
Room 2

דר. מ. קייטס
דענטיסט
218½ קווין סטריט וועסט
קארנער קווין און מעקאל סטריט.
DR. M. KATES, Dentist
218½ QUEEN ST. WEST
PHONE MAIN 979

דענטיסט
דאקטאר וו. ה. קאוואן
ספעציאליסט אין צייהנער ציהען
רום 601, קענט בילדינג
יאנג און ריטשמאנד סטריטס
טעלעפאן מיין 2149.
טאראנטא

דר. טוראפסקי
185 ספעדיינא עוו.
טעלעפאן אדעלייד 3224
אפיס שטונדען:
1 ביז 3 נאכמיטאג. 6 ביז 8 אבענדס

LEGAL

טעלעפאן: אדעלייד 1403
ה. דזש. מעקדאנאלד
לאא אפיס
בארריסטער סאליסיטאר, נאטארי,
געלד צו פערלייהען
ראבינס בילדינג
וויקטאריא און ריטשמאנד.

פערלאנגט
מענער זיך צו לערנען דעם בארבער טרייד
תמיד זוכער צו קריגען בעשעפטיגונג מיט גוטע וויידזשעס.
מיר וועלען אייך אויסלערנען אין עטליכע וואכען.
שרייבט פאר איינצעלהייטען און פ"ר א קאטאלאג פריי
The Moler Barber College
221a QUEEN STREET EAST

א ביזנעס פראפאזישאן פאר אידען אין פערשיעדענע געגענדען אין טאראנטא

ארבייט ארויף פאר אייער געגענד אין אייער הויז אדער ביזנעס א סטיישאן וועו מען קריגט דעם אידישען זשורנאל און וואו מען נעהמט אן אדווערטייזמענטס.

מיר וועלען אדווערטייזען (פריי) אז אין אייער ביזנעס אדער הויז קריגט מען טעגליך דעם זשורנאל.

אויסער וואס אייער ביזנעס וועט זיין פריי אדווערטייזט טאג טעגליך אין זשורנאל, אויסער דעם וואס דורכדעם וועט איהר קריגען פרישע קאסטומערס וועלכע צוליעב דעם זשורנאל וועלען ביי אייך קויפען אייער סחורה, אויסער דעם קאנט איהר ארויפארבייטען אן עקסטרא פארדיענסט פון פערקויף פון צייטונגען און פון אדווערטייזמענטס וואס איהר וועט אננעהמען פאר אונז, פאר וועלכען איהר וועט קריגען אייער קאמישאן.

וואס איהר דארפט טהון איז א קלייניגקייט:

קומט זאפארט מאכען מיט אונז ארריינדזשמענטס.

צוויי אין איין געגענד וועלען עס ניט בעקומען.

איין פערזאן אין איין געגענד, ווער עס וועט קומען פריהער דער וועט עס קריגען.

איילט זיך דארום צו קומען צו אונז וועגען דעם.

אכטונגספאלל
די מענעדזשמענט
דער טאראנטאר אידישען זשורנאל.

דעם זשורנאל קען מען בעקומען יעדען טאג, אין בייסיקל סטאר ביי מ. פאלאק 260 דאנדאס סטריט.

אויך אין גראסערי סטאר ביי מר. [illegible]

וויכטיגע נייעס פאר אלע אידען פון דער וועסט ענד.
די בעסטע וויינען און ליקער
מיר זענען אין דער רעכטער הארץ פון דער אידישער געגענד. 25 יאהר אין די ביזנעס און מיר האבען די בעסטע קענעדער און אימפארטירטע קאניאקען און בראנדיס צו די ביליגסטע פרייזען.
א ספעשיעל דיסקאונט פאר חתונות, פארטיס און [illegible]
מיר גאראנטירען פולע צופריעדענהייט.
פערזוכט ניט אז דאס אלעס האט איהר [illegible]
201 סעינט פאטריק סטריט.
ש. פעטערסאן, פראפ. טעלעפאן קאלעדזש [illegible]

א גליק פאר טאראנטאר אידען
עס האט זיך ערשט ערעפענט א האלסייל ביזנעס פון די בעסטע ענגלישע און יארקשיר וואלענע שטאפען וואו איהר קענט קריגען די בעסטע און שעהנסטע גוא־עס פאר סוטס אבער־קאוטס. און פענטס מיט האלסייל פרייזען. אויך טיילארס טרימינגס ביי:
J. LUBINSKY
248 Simcoe St Phane Main 6446

ספעשעל פיר די לעזער פון ,,זשורנאל"!
$1.00 בלויז $1.00
פרעגטש קלינען און פרעסען סוטס
דאס געלד צוריק אויב די ארבייט איז ניט ריכטיג
די עפפישענט פרעסינג קאמפאני
— 205 ספעדיינא עוו. —
קלינינג, פרעסינג פארבען, פארריכטען
פרייזען און מענער קליידער
ס. זייד פראפ. טעלעפאן עדלייד 2897

דייאנא סוויטס
,,די סטאר פון קוואליטעט"
די שעהנסטע און ראיעלסטע אייז קרים פארלאר אין טאראנטא
הייסע געטרענקע צו יעדער צייט.
דעם גרעסטען אויסוואהל פון אלערליי הייםיש געמאכטע טשאקאלאדעס און קענדיעס.
153 יאנג סטריט

פ. ליווי
לייף, עקסידענט, פייער און פלייט גלאס אינשורענס
טעלעפאן קאלעדזש 8101
81 St. Patrick St.

די סאקסאן קא.
עסטייט און פינאנציעל בראוקערידזש
JOHN M. SKELTON
פרעזידענט און מענעדזשער
וועלואיישאן עקספיערדזשעס א. ז. וו.
401 קענט בילדינג טעלעפאן עדלייד 3107

פריוואטע און ביזנעס קארעספאנדענץ ווי אויך געזעצליכע דאקומענטען אין אלע שפראכען געמאכט ביי
The Canadian Translation Bureau
H. FEILMANN, Mgr.
קענט בילדינג, 156 יאנג סטריט. רום 211
—ביליגע פרייזען.— טעל. מ. 1546

חתן כלה
זאלעודאסלטזען

מעררידזש לייסענס קאן מען קריגען אין אפפיס פון ,,אידישען זשורנאל", 67 עליזאבעטה סט.

יעניגע חתן כלה וואס וועלען דא נעהמען זייערע לייסענס וועלען קריגען א יום־טוב'דיגען בעריכט מיט א מזל טוב אין ,,אידישען זשורנאל" פריי.

מלחמה פרייזען
5 סענט א שייו
קומט און גיט אונז א טרייעל
אייער אלטער בעקאנטער בארבער
סעם גודמאן 93 עגנעס סטריט.
.1450—3—3)

הכשר על שמו

איך מאך בעקאנט לאחינו בני ישראל, אז דער אויל וואס ווערט אויסגעארבייט אין די פעקטארע פון ר"ן שולמאן 67 סענטער עוו. איז כשר פון געוויקסען: זשעמפאף, שעמין, קאטטענסיער, מאהן, נים. אהן צומישאכץ פון לעבעדיגע פעטקייטען.

די פרומסטע אידען מעגען יוזען דעם אויל.

א' שמות י"ז טבת. תרע"ה. פה טאראנטא.

יודל ראזענבערג רב דפה.

יעדער קאן קומען אין פעקטארי זעהן ווי דער אויל ווערט געמאכט.

הארדוואוד פלארינג
——):: (——
גאראנטירט באירטש, מייפעל, פלעין און קווארטערד סאוטהערן אאוק.
קענעדע וואוד ספעשעלטי קאמפאני
ארילליא, אנטאריא.
[illegible]8—2—24

האררדוועיר און קאטלערי
דאס בעסטע פלאץ פאר אלע סארטען הארדוועיר, גאז פיקסטשורס, גאז מענטעלס און גלאובס, עלעקטריק פיקסטשורס, פייפ סטאוווס, קאל־אויל היטערס, גלאז און קיט (פוטי) פיינטס און אוילס א. ז. וו. ביי
G. H. IBBOTSON
343 באטהורסט סטריט
טעלעפאן קאלעדזש 6242

נרובערס
ערשטע קלאסע כשר רעסטאראנט
218 קווין סטריט, וועסט
טעלעפאן מיין 2574.
רעגעלער דינער 35 סענט מיט פאלטרי 50 סענט
ברעקוועסט, דינער און סאפפער סערווירט.
מיר סערווירען אויך מילכיגס צו ארדער

ווילט איהר א גוטען מוהל וועלכער איז 22 יאהר אין פראקטיס, דאן שיקט נאך
חזן מאנאוויטש
פון מיקעל סטריט שוהל.
208 מיקעל סט. טעלעפאן קאלעדזש 2033.
— פרימע אומזאנסט —

קאנטאר וולאדאווסקי האט געמופט אין 62 בראנזוויק עוועניו דער טעלעפאן נומער איז דער זעלבער וואס עס איז געווען

דער גרעסטער אנטיסעפטישער
מוהל
און דער מאדערנעסטער
מסדר קדושין אין טאראנטא

איז
קאנטאר וואלאדאווסקי
רופט מיך און איבערצייגט אייך.
קאנטרי לייט קענען מיך אויך אנגאזשירען פאר שמחות. מיין וואהנונג איז 62 בראנזוויק עוועניו, און מיין פאן נומער איז 1076 קאלעדזש.
פיר ארעמע אומזאנסט.

רעווערענד קאפלאן

משגיח פון דער אידישער פאלקסקיך, הכנסת אורחים און חיברו אומיגראנט אייד סאסייטי.
איך מאך בעקאנט דאס איהר טרעפט מיך אימער צו הויז וואו איך נעהם אן מוהל־שאפט און סדור־קדושין, איך גיב מערידזש ליסענס צו אלע חתן־כלה פריי.
פערגעסט נישט מיין אדרעס איז:
166 דזשאהן סט. טעלעפאן עדלייד 1545
אייער פריינד
חזן קאפלאן

סטאוווס, ריפערינג, און פורניטשער —
צו ביליגע פרייזען
מאפאט נעו און קויקען רענדזשעס
WESTWOOD BROTHERS
[illegible] St. Queen W. Phone Adel. 1518